STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07893

DOS TAYKHL KATSHET ZIKH OYF'N BAYKHL

Meyer Ziml Tkatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס טייבל קאטשעט זיך אויפ׳ן בייבל

לידער און פאַבלען
פאר
קליין און גרויס

פון ל. טקאַטש

צעשינסקיס פארלאג
שיקאגא

פארלאג מ. צעשינסקי
שיקאגע : : : 1933
שאר־באלאט געצייכנט
פון טאדראס געלער

M. CESHINSKY, Publisher
2720 W. Division Street, Chicago

געזעצט אין דער לינאטיפ־זעצעריי
פון מ. ציפאנסקי—101 ס. וועלס סט.
שיקאגע, איל. 575

רעגן

דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפ'ן בייכל

דער גלאַנץ, דער שפּיגל פונם וואַלד,
זיין ליב און טייער טייכל
האָט אָנגעהויבן וואַרפן זיך
און קאַטשען אויפ'ן בייכל.

האָט שטאַרק דערשראָקן זיך דער וואַלד
און איבער'ן טייכל'ס בעטל
האָט ער געשטרעקט די הענט נאָך הילף,
געגוואַלדעוועט, געבעטן.

האָט אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג
דער ווינט מיט זיינע ליפּן.
האָט אַ רעצעפּט דער בליץ אויף שנעל
דעם כוילע צוגעשריבן.

האָט הויך דער דונער זיך צוקנאַלט
די מאַכלע אָפּצושרעקן.
האָט באַנקעס גלעזערנע געשטעלט
דער בלעזלדיקער רעגן.

האָט פּילן, פּראַשקעס, קרייטעכער
דער וואַלד אַליין געשאָטן
און פון זיין ליבלינג'ס קראַנקן־בעט
איז ער ניט אָפּגעטראָטן.

ביז אויפ'ן בויך צו קאַטשען זיך
האָט אויפגעהערט דאָס טייכל
און אָנגעהויבן פּאַטשן זיך
אין אויסגעהיילטן בייכל.

דער רעגן

איז אַ קלאָגמוטער דער רעגן,
נאָר ער וויינט פון ווייַנען ווענן,
נאָר ער קרימט זיך קרענקלאַך, זויער,
און ער קלאָגט זיך אויף זיין טרויער.

האָט די בלינדקייט שוין פאַרצויגן
זיינע אויסגעוויינטע אויגן,
לויפן אַלע פון דעם ביבער
און פאַרשליסן זיך אין שטיבער,
אָבער גאָרניט העלפט דעם רעגן,
ווען ער וויינט פון ווייַנען ווענן.

אָט אַזוי אַליין, אַ בלינדער,
אַ פאַרצאָגטער, אַ פאַרקרימטער,
מיט אַ פאָנים אַ פיטשנאַסן
גייט ער, פאַלט ער אין די גאַסן,
אַלע מויערן באַטאַפּט ער
און אין אַלע פענצטער קלאַפּט ער.

איז געשלאָסן טיר און טויער,
מאַכט זיך טויב דעם מענטשנ׳ס אויער,
וויינט ער פאַר די פוסטע גאַסן,
וויינט ער פאַר דעם שטיין דעם נאַסן,
וויינט ער גלאַט פון ווייַנען ווענן,
ווייל ער איז אַ ווייַנער־רעגן.

אַ סרייפע

האָט די זון געבּרענט, געפּלאַקערט
איבּער פעלד און וואַלד,
האָט אַ ווינט געמאַכט אַ ליאַרעם :
„גוואַלד, אַ סרייפע, גוואַלד !"
זיינען וואָלקנס — פייער־לעשער
אָנגעלאָפן באַלד.

האָבּן מיט די טריט געדונערט
שטורמפערד צוהיצט,
האָט דער וואָגן מיט די רעדער
בּליצן אויסגעקריצט,
און פון פאַס די וואַסער־קישקע
האָט געשפּריצט, געשפּריצט.

אַ וואָלקן שמירט זיך אויס

האָט אַ וואָלקן אַ פֿאַרשייטער
אויף אַ באַרג־שפּיץ זיך געשפּילט,
זיך געקאַטשעט און געגליטשט זיך,
און האָט אויסגעשמירט זיך ווילד.

איז דער ווינט אים נאָכגעלאָפֿן,
און גערייצט זיך, און געשפּעט,
און אויף שנעל אַוועק אין הימל,
און פֿאַרמאַסערט, און באַרעדט.

האָט דער בליץ די ציין געשטשירעט,
האָט דער דונער בייז געקנאַלט
און דעם וואָלקן שטריינג באַפֿוילן,
אַז ער זאָל זיך וואַשן באַלד.

האָט דער וואָלקן אַ פֿאַרקרימטער
זיך געקאָרטשעט און געדרייט
און געוואַשן זיך אָן כּיישעק,
נעבאַך, וויינענדיקערהייט.

אַ ווערבע וויל זיך ניט צוואָגן

מיט צעפּאַטלטע האָר
שטייט בּאַם וואַסער אַ ווערבע
און זי וואַקלט זיך שטאַרק
און עס שוידערט איר קערפּער.

זוכט דער ווינט אין איר קאָפּ,
וואָס איז לאַנג ניט געוואַשן,
און ער אייקעט, און שרייט,
און ער בּויגט זי צום וואַסער.

טונקט נאָר איין זיך אַ לאָק,
ווערט די ווערבע דערשראָקן,
און זי וואַרפט זיך צוריק,
און זי וויל זיך ניט צוואָגן.

שוועבּט אַ וואָלקן פאַרבּיי,
טראָגט ער וואַסער אין עמער,
גיסט ער אוים אויף איר קאָפּ
און אַ סאָף זאָל עס נעמען.

בּויגט די ווערבּע זיך איין
אָפּגעשמיסן, דערשלאָגן,
און זי וויינט אויף איר בּראָך,
וואָס מען האָט זי געצוואָגן.

רעגן־טראָפּנס

טראָפּנס הוליען ווילד־פאַרשייטע,
ווי די שול־קינדער באַפרייטע.
טראָפּנס הוזשען, ווי די פליגן,
טראָפּנס שפּרינגען, ווי די ציגן,
טראָפּנס טאַנצן, ווי די כוואַטן,
טראָפּנס טופּען, ווי סאָלדאַטן,
טראָפּנס קוליען זיך, ווי לייצים,
טראָפּנס שטראָמען, טראָפּנס פּלייצן,
טראָפּנס, טראָפּנס ווילד־פאַרשייטע,
ווי די שול־קינדער באַפרייטע.

אַ זומער-רעגן

פול און אָנגעגאָסן
היינגט די זומער־כמאַרע.
שטראָמט, ווי מילך, דער רעגן
וואַרעם, מיט אַ פּאַרע.

בלעזלען זיך און זינגען
מיט אַ פרייד-געהילך
אינ׳ם טייך די שפּריצן,
ווי אין מעלק־שאַף — מילך.

טאַנצן, ווי די קינדער,
ווען מען מעלקט די בהעיימע,
גרעזער אויף די לאָנקעס,
בלעטער אויף די ביימער.

אַ רעגן-באָד

גיסן זיך פון וואָלקנס,
ווי פון צאָפּנס,
שפּריצנדיקע שטראָמען
רעגן־טראָפּנס.

שפּריצן אָפּ זיך אַלטע
דעמב און צעדער,
ליאַרעמען, ווי קינדער
אין די בעדער.

גיסט זיך אָפּ אַ קוסטל,
כאַפּט אַ ציטער,
קלאַפּן אים, ווי צייִנער,
זיינע ריטער.

טוט זיך אויס אַ ניסל
און אין טייכל
פונ׳ם צווייגל שפּרינגט ער
מיט זיין בייכל.

באָדן זיך די גרעזער,
ווי צום טוקן,
בויגן זיי אַרונטער
קאָפּ און רוקן.

צוואָגן זיך אין רעגן
אַלע קוויטלאַך,
טרייסלען מיט די קעפּלאַך,
ווי די מיידלאַך.

שטייען בלויז די שוועמלאַך
אין די היטלאַך,
ווי אונטער רעגן-שירעמס,
שטיל, געמיטלאַך.

אַ זון מיט אַ רעגן

שפּריצט אַ רעגנדל, באַשפּריצט,
אַז עס זאָל קיין שטויב ניט פאַלן,
און די ליבע זון ראַמט אויף
מיט אַ בעזימל פון שטראַלן.

טאַנצט דער רעגן, לאַכט די זון,
און זיי אַרבעטן יאַדאַכאַם,
און ס'איז זייער אַרבעט זיס,
און זיי קלייבן פון איר נאַכאַס.

און ס'ווערט ציכטיק, ליכטיק, שיין,
אַז עס פינקלט אין די אויגן,
אַז אין הימל שלאָגט עס אָפּ
מיט דער שיין פון רעגן־בויגן.

שניי און קעלט

אַ זאַווערוכע

האָט געשנייט, און געווייט, און געדרייט
די זאַוויי־זאַווערוכע,
האָבןווילדע אויף ריגל און קייט
טיר און פענצטער געסקרוכעט.

האָט דער שטורם סירענעס געשאַלט
מיט אַ גרויל, מיט אַ טרויער,
איז געוואָרן די וועלט ווייס און אַלט,
ווי אַ זאָקן אַ גרויער.

איז אַ מילנער אַרונטער פון זין,
און אָן זינען געמאַלן,
און געשאָטן די מעל אויפ'ן ווינט,
און מעשוגע געקוואַלן.

האָט אין גרוי, ווי אין רויך, ווען עס ברענט,
אויפ'ן גאַס אומגעשמייעט
אַ צעשויבערט געשטאַלט אין איין העמד
און געברומט, ווי אַ כאַיע.

האָבן ווילדער אויף ריגל און קייט
טיר און פענצטער געסקרוכעט . . .
האָט געשנייט, און געווייט, און געדרייט
די זאַוויי־זאַווערוכע.

רויך און שניי

רויך פון קוימען אין געדריי,
שניי פון הימל אין זאַוויי;
אַזוי ענלאַך זיינען זיי —
שניי, ווי רויך, און רויך, ווי שניי.

גיט אויף זיי דער ווינט אַ וויי,
מישן זיך צונויף די צוויי,
איז ניט צו דערקאָנען זיי —
וואָס איז רויך און וואָס איז שניי?

ווערט אַ טומל, אַ געשריי.
איינגעדרייטע, ווי אַ „פּ",
ווייסן ניט אַליין די צוויי
ווער איז רויך און ווער איז שניי?

און, ווי ווילדע פויגלען צוויי,
ווי אַ וויכער אין געדריי,
ראַנגלען, האַמפּערן זיך זיי —
ווער איז רויך און ווער איז שניי?

זעט דער ווינט ס'איז ווינד און וויי,
גיט ער מערער ניט קיין וויי
און עס שיידן זיך די צוויי —
איינער רויך, דער צווייטער שניי.

מאַזל-בראָכע

ניט קיין מיל און ניט קיין מילנער,
ניט קיין ווייץ אין שטיין,
און עס מאָלט זיך, און עס זיפּט זיך
מעל פון זיך אַליין.

און די ווייסע מאַזל-בראָכע
פאַלט אויף גאָט'ס באַראָט
— ניט אין זעק און ניט אין קאַסטנס
אויף דער נאַסער שטאָט.

און די מענטשן די באַמעלטע
ניט, ווי בעקער, ריין,
— ניט אין באַקדייזשעס און מולטערס
פּאַשעט אויפן שטיין

מיט די פּיס אָט, ווי זיי גייען,
אין די שיך און אַלץ
מישן ראָשטשינעס אָן הייוון,
קנעטן טייג אָן זאַלץ.

און פון גאָר דער מאַזל-בראָכע
מאַכן זיי אַ טעל . . .
ניט קיין מיל און ניט קיין מילנער,
און עס מאָלט זיך מעל.

ווי אַ קעצל

ווי אַ קלאָר־ווייס קעצל
אין אַ ווייכן קנויל,
ליגט דער שניי אין זונשײַן
איינגעגנורעט, פויל.

וועק איך אים פון שלומער,
גלעט ער צאַרט מײַן שוך,
ווי אַ קלאָר־ווייס קעצל
מיט אַ פעל, ווי פוך.

טעדי־בערן

קומט דער קאַלטער ווינטער
און די בוימער פרירן,
ברענגט דער פעטער־שנייער
ווײַסע וואָל צופירן.

שפּינט דער פעטער־שנייער
פון דער וואָל אַ פאָדים,
פון דעם פאָדים שטריקט ער
ווײַסע ווינטער־בגדים.

טוט ער אָן די בוימער
צערטלאַך, ליב און גערן
אין די ווײַסע בגדים,
ווי אין טעדי־בערן.

איז די בוימער וואַרעם
אינ׳ם קאַלטן ווינטער,
קלײַבט דער פעטער־שנייער
נאַכאַס, ווי פון קינדער.

די שטראָף

האָט דער פּעטער־שנייער
אין אַ ווינטער־טאָג
אָנגעטאָן אַ בוימל
אין אַ ווייסן ראָק.

האָט זיך ווילד דאָס בוימל
אינ׳ם ווינט געדרייט
און אַראָפּגעוואָרפן
פּעטער־שנייער׳ס קלייד.

איז עס שטיין געבליבן
אויף דער קעלט אַנטבלויזט,
האָט עס זיך געטרייסלט
און געקלאָגט, גערוישט.

האָט עס זיך געשלאָגן
אין דער ברוסט אַל־כעט:
„פּעטער! כ׳האָב כאַראָטע,
„פּעטער! העלף, איך בעט!"

נאָר, פאַרשטאָפּט מיט וואַטע,
הערט זיין אויער שווער,
איז דער פּעטער־שנייער
ניט געקומען מער.

דער מעפּונעק

שניי איז אַ מעפּונעק,
אָפּגעהיט און איידל,
שלייערט ער אפילע
ס׳פּאָנים, ווי אַ מיידל.

טראָגט ער ווייסע קליידער,
ווייל די שוואַרצע היצן;
גיט די זון אַ וואַרעם,
הויבט ער אָן באַלד שוויצן.

קאָן ער ניט פאַרטראָגן
טענער הויכע פּרעכע,
שטאָפּט ער שטיקער וואַטע
אין די אויער-לעכער.

גייט ער ניט אין שטיוול,
ווייל אין שטיוול קלאַפּט עס,
שאַרט ער זיך אין שטעק־שיך
און דעם וועג באַטאַפּט ער.

איז די ערד ניט ציכטיק
פאַר זיין פוס דעם געטן,
שפּרייט ער אויס אַ טעפּיך,
וואו ער דאַרף באַטרעטן.

איז דער וועג צו גליטשיק,
איז ער דיר אַ באַלן
אונטערבעטן קישנס,
טאָמער וועט ער פאַלן.

פּעטער־שנייער אין שטאָט

פּעטער־שנייער איז אַ ווייסער,
נאָר ער איז ניט אַלט;
פּעטער־שנייער איז אַ לעבּ־יונג,
כאָטש ער זעט אויס קאַלט;
פּעטער־שנייער איז אַ טענצער,
אַ פאַרשטעלט געשטאַלט;
פּעטער־שנייער איז אַ שיקער,
טאַנצט ער ביז ער פאַלט.
פאַלט אין דאָרף דער פּעטער־שנייער,
בּלאַנקט דער דאָרף און שטראַלט,
פאַלט אין שטאָט דער פּעטער־שנייער,
מאַכט די שטאָט אַ גוואַלד.

האָט אַנומאַלט פּעטער־שנייער
עטוואָס שיקער, פריילאַך זעהר
אין אַ ווייסן קאַלע־שלייער
אין אַ ווייסן בּלומען־קראַנץ
אַ פאַרשטעלטער, אַ פאַרהילטער,
אַ פאַרהילטער, אַ צעשפּילטער,
זיך אַוועקגעלאָזט אין טאַנץ,
און אַזוי אַריין אין שטאָט
און אַוועק אַ קאַראַהאָד.

טאַנצט אין שטאָט דער פּעטער־שנייער
עטוואָס שיקער, פריילאַך זעהר,
שפּילט קיין פידל ניט, קיין פלייט,
זינגט קיין שטימע ניט פון פרייד,
וואָס־זשע קלינגט עס אַזוי שיין ?
ס׳איז דער ראַש פון שטאָט אַליין.

טאַנצט אין שטאָט דער פּעטער־שנייער,
עטוואָס שיקער, פריילאַך זעהר,
איז דאָך ווינטער און ניט מאַי,
און קיין סאָד איז ניט דערבּיי,
וואָס־זשע בּליט עס ווייס און שיין ?
ס׳בּליט דער אייזן און דער שטיין.

האָט ער אַזוי לאַנג געטאַנצט,
ווילד געפליקט דעם בּלומען־קראַנץ,
אינ׳ם שלייער־זייד געפלאַטערט,
ווי אַ שמעטערלינג אַ גרינגער,
בּיז ער האָט זיך אייגעמאַטערט
צי פון טאַנצן, צי פון טרינקען
און געפאַלן אופ׳ן אָרט,
וואו מען גייט און וואו מען פאָרט.

זיינען שטיין געבּליבּן שטיל
וואָגן, טראַם, אויטאָמאָבּיל.
איז געוואָרן אַ געפילדער :
אָט אַ שיקער ! אָט אַ ווילדער !

זיינען גאַסן-קערער באַלד
אָנגעקומען אויפ'ן גוואַלד.
האָבן זיי פון אויראַכ'ס קומען
ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען,
האָבן זיי אים אויפגענומען
מיט אַ רידל, מיט אַ בעזים.

אָנגעשלאָגן, אָנגעשמיסן,
און פאַרברודיקט, און צעריסן,
ווייסן לייב און ווייסן שלייער,
האָבן זיי דעם פעטער־שנייער
איינגעפּאַקט, ווי מיסט, אין וואָגן,
מיט די רידלען צוגעשלאָגן
און אַוועקגעפירט מיט שפּאָט
ערגעץ ווייט, אַרויס פון שטאָט.

דער פראָסט

1

הײמלאָז איז דער פראָסט אין דרויסן,
שלאָפט ער, וואו ער פאַלט,
איז ער קראַנק אויף רעוומאַטיזם
און פרי גרוי און אַלט.

סקריפּעט ער מיט זײַנע קוליעס
אויפ׳ן האַרטן שנײ,
און ער קאָרטשעט זיך אין דרײען,
און ער קרעכצט פאַר ווײ.

קריצט ער מיט די צײן פאַרביטערט
און זײן צאַר און קאַם
לאָזט ער אויס צו יעדן אײנעם,
וואָס ער טרעפט אין גאַם.

2

פעלץ זיך אָן, מײן קינד, אין גראָבסטן
בעגעד, וואָס דו האָסט,
אַז דײן לײב זאָל ניט צעקנײפּן
דער צערײצטער פראָסט.

טו זיך אָן אין שיך, קאַלאָשן
אויף אַ וואָלן־זאַק,
וואָרים אויף די פים דיר טרעט ער
מיט זײן קוליע־שטאַק.

זע, די הענטשיקעס פאַרגעס ניט,
קינד, לעמאַן־האַשעם,
ווײל ער קוועטשט די פינגער־שפּיצן,
ווי אַ ראַק אין קלעם.

און די אויערן באַוואָרן,
רוק דעם הוט אַראָפּ,
ווייל אַז ער דרייט אָן אַן אויער,
פוילט דער אויער אָפּ.

3

האָסטו ניט קיין ווינטער־קליידער,
בעסער זיץ אין הויז,
ווייל דער בייזער פראָסט אין דרויסן
קוקט אויף דיר אַרויס.

זע, ער לאָקערט, ווי אַ גאַזלען,
הינטער׳ן פענצטער דאָרט,
צו דער שויב האָט צוגעפרעסט זיך
זיין גרייז־גרויע באָרד.

און ער היט די טיר פאַרטאַיעט,
און ער שטעקט די נאָז
אינ׳ם שליסל־לאָך, וואָס פרעסטלט
פון זיין אָטעם-בלאָז.

אויפ'ן הימל אַ יאַריד

ווי פון אַן איי

ליגט די ערד אין ווייסן שניי,
ווי אין שאָלאָכץ פון אַן איי.

הויערט איבער איר די זון
און זי ברימט זי אויס דערפון.

שיילט זי אויס זיך נאַקעט, הויל
מיט אַן אויפגעעפנט מויל.

טרינקט זי רעגן, וואַקסן איר,
גלייך ווי פעדערן פון ציר,

גראָז און בלום פון יעדן מין
און זי פּאַוועט גאָלדיק־גרין.

דער נעם

האָט אַ טייכל געוואַנדלט
אין אַ האַרבסטיקער נאַכט
און געגלאָצט מיט די אויגן
אויפ׳ן הימל פאַרטראַכט.

מיט אַמאָל האָט אַ נעפּל
אַלע שטערן פאַרמעקט
און אַ הויט, ווי אַ בעלמע,
האָט די אויגן באַדעקט.

האָט אין איימע דאָס טייכל
אַ געשריי־טאָן געוואָלט,
ערשט דאָס מויל איז פאַרזיגלט
און פאַרשטיקט איז דער קאָל.

האָט זי ווילד געוואָלט לויפֿן,
ווי פֿון פֿייער אַ פֿערד,
ערשט זי איז אַ געליימטע,
צוגעשמידט צו דער ערד.

האָט דאָס טייכל געכבאַלעשט
און שוין גאָרניט געוואוסט,
בלויז דאָס האַרץ האָט די בלוטן
נאָך געטריבן אין ברוסט.

איז זי לאַנג אָפּגעלעגן
אַט אַזוי, ווי אַ מעס,
ביז ס'איז פֿרילינג געקומען
און באַוויזן אַ נעס.

וואָס ס'איז שטום, געמאַכט ריידן,
וואָס ס'איז בלינד, געמאַכט זען
און געמאַכט זיך באַוועגן,
וואָס געליימט איז געווען.

און דאָס טייכל האָט ווידער
זיך געלאָזט אין דער וועלט,
און פֿאַרכידעשט די אויגן
אויף איר פּראַכט אָנגעשטעלט.

זומער

זומער האָט אַ גאָלדן האַרץ
און אַן אָפן גוט געזיכט.
זומער׳ס אויגן זיינען בלוי
און ס׳איז לויטער זייער ליכט.

זומער׳ס ליפּן שמייכלען ליב
און איעדער שמייכלט מיט.
זומער, אַז ער בייזערט זיך,
ווייסט מען, אַז ער מיינט עס ניט.

אַז זיין דונער, אַז זיין בליץ
איז אַן אָנשטעל, ניט קיין קאַס,
אַז די טרערן, וואָס ער גיסט,
זיינען דאָך ניט מער, ווי שפּאַס.

ווייל ווי קאָן דאָס זומער־לעב
זיין אין צאָרן אָדער טריב ?
זומער שמייכלט צו דער וועלט,
זומער האָט דאָס לעבן ליב.

שטערן און פייער-פליגן

אויבן שטערן, שטערנדלאַך
טיפע נאַכט באַשפּרינקלען,
אונטן מיט לאַמטערנדלאַך
פייער-פליגן פינקלען.

און אין בלוי אומענדלאַכן
אינ׳ם ליכט-געווימל
אייגענע און ענלאַכע
ליגן ערד און הימל.

ראַי פון שטערן, שטערנדלאַך,
ווי די פליגן, שווינדלען:
פליגן מיט לאַמטערנדלאַך,
ווי די שטערן, פינטלען.

אויפ׳ן הימל אַ יאַריד

אויפ׳ן הימל אַ יאַריד —
רייך־קאָלירטע וואָרעם
האָט אַראָפּגעבראַכט די זון
פאַר די קויגים — כמאָרעס.

קלייבן זיי, ווי דאָרפסלייט, אויס
די, וואָס זיינען בונטער.
קלייבן איבער, מעסטן אָן,
וואַרפן באַלד אַרונטער.

קאָנען נים באַשליסן זיך
וועלכע פאַרב איז שענער
און צו לייזן גיבן זיי
נים קיין האַרטן צענער.

צאַפּט דאָס בלוט זיך באַ דער זון
פון אַזעלכע קונדן,
ווערט איר שטראַלנדיק געזיכט
העליש אָנגעצונדן.

לאָזט זי איבער האַק און פּאַק,
ס׳לעבן ווערט איר מיעס,
און זי טרינקט זיך אינ׳ם ים
פון פאַרדראָס און יאוש.

רויטלען זיך פאַרשולדיקטע
די פאַרשעמטע כמאָרעס
און זיי טוען אויס פון זיך
די קאָלירטע וואָרעס.

די בערעזע

שיינע האָר קוטשעראווע
האָט די ווייסע בערעזע,
נאָר וואָס איז דען די פּולע,
אַז זי איז אַ נערוועזע ?

וויל דער ווינט זי פֿאַרקעמען,
ווי אַ מאַמע אַ טאָכטער,
הויבט זי אָן זיך צו וואַרפֿן,
ווי מען וואָלט זי געשאָכטן.

און זי ווערט זיך און קערט זיך
און זי דרייט מיט'ן קעפּל,
אַז דער ווינט קאָן ניט קעמען,
ניט פֿאַרפּלעכטן קיין צעפּל.

איז דעריבער צעפּאַטלט
די בערעזע קעסיידער
און אין האָר קוטשעראווע
וואַקסן קאָלטונעס, ליידער.

אַ פוילער וואָלקן

קריכט אַ פוילער ווייסער וואָלקן,
ווי אַ צאָפּן־בער.
זיינע לאָגלען זיינען ליידיק
און ער שלעפּט זיך שווער.

לאַנג שוין אַז קיין האַנט אין וואַסער
טוט ער ניט אַריין —
בעסער ווי אַ וואַסער־טרעגער
איז אַ פוילער זיין.

גייט ער קרוע-בלוע, באָרוועס.
ווילד איז זיין געשטאַלט.
שערט ער זיך ניט און ער קעמט זיך
אָן אַ הויכן וואַלד.

גייט ער ניט אין ים זיך באָדן,
ס'איז אַזוי אויך פיין,
קראַצט ער זיך אָן באַרג די פּלייצע
און שפּאָרט אַרבעט איין.

מאַכט ער זיך ניט קיין געלעגער,
בעסער אויבנאָן
אויף אַ באַרג זיך אויסצוליינגן,
גלייך ווי אַ באַראָן.

וואָלט געווען ניט שלעכט דעם וואָלקן,
וואויל און פויל אַזוי,
נאָר ס'פאַרביטערט אים דאָס לעבן
דער ווינט, יימאַך שעמוי!

נאָר ער פּלאָגט אים, נאָר ער יאָגט אים,
נאָר ער טרייבט אין קאַרק,
ווי די פּאָליציי אַ שלעפּער
פון אַ באַנק אין פּאַרק.

דער דיקער נעפּל

דער נעפּל איז אַ שווערער,
אַ דיקער, מיט אַ בויך,
ער שוועבט ניט אין די הימלען,
ווי וואָלקנס, גרינג און הויך.

ער כאַפּט זיך, ווי אַ שיקער,
מיט שלאַבעריקע הענט
אָן סלופּעס און אָן בוימער
און לענט זיך אָן ווענט.

ער פאַלט און ליגט אין דרויסן
צעשפּרייט, ווי ער איז גרויס,
און אָטעמט מיט אַ פּאַרע,
און שוויצט מיט קאַלטן שוויים.

ביז ס'קומט דער ווינט און נעמט אים
אויף אַ שפּאַציר מיט גוואַלד ;
שפּאַצירט ער, רעדוצירט ער
און שוועבט, ווי וואָלקנס, באַלד.

דער ווינט

איז דער ווינט אַ יאַסעם,
וואַקסט ער אָן האַשגאָכע,
לויפט ער אום אין דרויסן,
טוט ניט קיין מעלאָכע.

וואָס און וועמען הערט ער ?
שטויביק און צעפּאַטלט
פייפט ער מיט די ליפּן
און איז אַלץ מעוואַטל.

טאַנצט דער ווינט און הוליעט,
אַז עס גייט אַ וויכער,
אַז די שטאַרקע בוימער
בויגן זיך ניט זיכער.

וויגט ער זיך אויף צווייגן,
גלייך ווי אויף אַ הוידע ;
קומט ער צו אַ טייכל,
גיט ער עס אַ בויטע.

לאָזט ער ניט קיין מענטשן
דורכצוגיין געמיטלאַך,
רייסט ער פאַר די פּאָלעס,
וואַרפט אַרונטער היטלאַך.

שויבערט ער טשופּרינעס,
דרייט ער בערד, ווי קנוילן,
שיט ער אין די אויגן
זאַמד און אַש פון קוילן.

מאַכט ער „בו" אין פענצטער,
שרעקט די קליינע קינדער,
ברעכט ער אוים אַ טאַפּליע
אין אַ קאַלטן ווינטער . . .

אַט אַזוי צעלאָזן
שטיפּט ער, קערט ער וועלטן
און ער וואַקסט אַ שייגעץ,
וואָס מען טרעפט גאָר זעלטן.

ווינטער און זומער
אין קאַליפאָרניע

איז ווינטער געקומען
אין זוניקן לאַנד
און האָט אויפ'ן זומער
געהויבן זיין האַנט.

האָט זומער דעם סוינע
געענטפערט צוריק.
אַזוי איז געוואָרן
אַ ביטערער קריג. —

האָט ווינטער געשאָטן
מיט האָגל און שניי,
האָט זומער מיט רעגן
געגאָסן אויף זיי.

האָט ווינטער דאָס וואַסער
פאַרגלעזערט מיט פראָסט,
האָט זומער דאָס אייז־גלאָז
מיט שטראַלן צעלאָזט.

ביז ענדלאַך האָט ווינטער
פאַרלאָרן די שלאַכט
און האָט צו אַ באַרג־שפּיץ
די פּלייטע געמאַכט.

זייפנבלאָזן

זייף, און וואַסער, און אַ שטרוי.
שפּיל איך זיך און בלאָז אַזוי
זייפנבלאָז נאָך זייפנבלאָז,
זייפנבלאָז, ווי שפּיגל־גלאָז.

אין זיי מיט אַ שימער־שיין
שפּיגלט זיך די וועלט אַריין,
זיינען בלעזלאַך וועלטן אויך,
ווי די שטערן אין דער הויך.

אַז אַ וועלט איז בלעזל קליין,
בין איך דאָך אַ גאָט אַליין,
מיט מיין הויך באַשאַף איך דאָס.
טאָמער פּלאַצט עס, נו, איז וואָס?

זייף, און וואַסער, און אַ שטרוי,
שאַף איך שפּילנדיק אַזוי
נייע וועלטן קליין און גרויס.
גאָט שעפּט קיינמאָל זיך ניט אויס.

אין געוועט

אויף די כוואַליעס אין געיעג
רייטן ווינטן צו דעם ברעג.
טופּען, הירזשען אויפגערעגט
כוואַליעס־פערדלאַך שוים־באַדעקט,
שפּריצן שליים און בלאָזן דאַמף,
שפּרינגען, שטויסן זיך אין קאַמף.

זיץ איך אויפ'ן ברעג און שפּיל,
קלייב מיר אוים אַ „פערד" פון פיל
און איך גיי אין אַ געוועט,
אַז מיין פלינקער פערדל וועט
קומען פריער צו דעם ברעג
און געווינען דעם געיעג.

זיגט מיין פערדל, קוועל איך אָן,
ניט — פאַרליר איך בלויז אַ קאָן,
ווייל דער איקער איז די שפּיל,
און די פערדלאַך זיינען פיל,
שפּיל איך, שפּיל איך ביז ס'ווערט שפּעט,
ביז מען רופט מיך גיין אין בעט.

איציק און הריציק

איציק טראָגט אַ טאַלעס-קאָטן,
און אַ ציילעם — הריציק.
ביידע זיינען קליינע קינדער
און ניט איבערשפּיציק.

ווייסן זיי ניט, ווי די גרויסע,
אונטערשייד אין גלויבן,
שפּילן זיי זיך שיין און פריידלאַך,
וואָרקען, ווי די טויבן.

טוליעט זיך צו שוואַרצע פּייעס
ווייסע פלאַקס-טשופּרינע,
כאָוועך ברוינע אויגלאַך בלויע,
גראָבע הענטלאַך — דינע.

עסן זיי צוזאַמען מאָלצייט,
גלייך ווי כאָסן־קאַלע,
הריציק טיילט זיך מיט זיין כאַזער,
איציק — מיט זיין כאַלע.

גאָט און „באָזיאַ" באַ די קינדער
איז איין גוטער טאַטע,
בענטשט אים הריציק: „סלאַווא באָגו",
איציק: — „באָרוך אַטאַ".

הריציק קושט זיין כאַווער'ס ציצעס
און דעם ציילעם — איציק,
און ס'איז גוט זיי, וואָס זיי זיינען
קליין, ניט איבערשפּיציק.

דאָס אינגל און דאָס טייכל

1

שטראָמט אַ רוישיק טייכל,
מורמלט, ווי עס רעדט.
הערט זיין רויש אַ אינגל
און ער רופט און שפּעט:

— זאָג, וואָס רעדסטו ,טייכל,
כ׳קאָן דיך ניט פאַרשטיין.
ביזט אַ שטומעלעלע,
מורמלסט אָן אַ מיין. —

רוישט דאָס טייכל שטאַרקער,
גלייך ווי מיט פאַרדרוס.
שטוינט דאָס אינגל — ווערטער
הערט ער רעדט דער פלוס:

— ביזט אַ נאַריש אינגל,
מיינסט דו ווייסט אַ סאַך
און פאַרשטייסט ניט מערער
ווי דיין מענטשן־שפּראַך.

יעדע זאַך האָט לאָשן —
וואַסער, בוים און בלום,
און אַפילע שטיינער
זיינען אויך ניט שטום. —

ווערט פאַרשעמט דאָס אינגל
און ער בעט זיך ליב:
— כ׳וועל שוין מער ניט שפּעטן,
טייכעלע, פאַרגיב! —

2

רוישט דאָס טייכל פריינטלאַך:
— אינגל, כ׳בין ניט בייז.
פרעג מיך, ייעל איך אַלץ דיר
זאָגן, וואָס איך ווייס. —

— גוט, רופט אוים דאָס אינגל
און זיין פּאָנים קוועלט:
זאָג, פון וואַנעו, טייכל,
קומסטו אויף דער וועלט? —

און דאָס טייכל ענטפערט
אויף זיין שפּראַך פון רויש:
— כ׳בין, ווי דו, געבאָרן.
יאָ, ניט שטוין, הער אוים:

הויך און שיין איז הימל,
נאָר זיין האַרץ איז וויסט,
ווערט ער אָפט פאַרוואָלקנט,
גיסט ער טרערן, גיסט.

ליבט די ערד דעם הימל,
קלייבט זי טראָפּ צו טראָפּ
און זי טראָגט און היט זיי,
ווי אַ מוטער, אָפּ.

וואַקסט און וואַקסט דאָס וואַסער,
ביז די מוטער־ערד,
ווי אַ קינד, אַ טייכל
אויף דער וועלט געבערט.

3

הערט פֿאַרגאַפֿט דאָס אינגל,
לאָזט קיין וואָרט פֿאַרבײַ.
ווײַסן וויל ער מערער,
פֿרעגט ער אויף־דאָס־נײַ :

— מאָדנע, מאָדנע, טײַכל,
כ׳הער דאָס ערשט אַצינד.
זאָג-זשע מיר, וואָס טוסטו,
ערד און הימל׳ס קינד ? —

ענטפֿערט אים דאָס טײַכל
אויף זײַן מורמל־שפּראַך :
— כ׳גיי, ווי דו, אין כיידער.
יאָ, מײַן פֿרײַנט, ניט לאַך.

נײַגיר איז מײַן לערער,
גאָר די וועלט — מײַן שול,
אַלע זאַכן — ביכער
מיט לעגענדעס פֿול.

לייען איך בוך „וואָלקן",
לייען איך בוך „זון",
מיט מײַן שפּיגל־מויאַך
נעם איך אַלץ אַרום.

לייען איך בוך „רעגן",
לייען איך בוך „שנײ"
און כ׳ווער ברייטער, טיפֿער,
מער און מער פֿאַרשטײ. —

4

הערט פאַרגאַפּט דאָס אינגל,
לאָזט ניט דורך קיין וואָרט,
ווי פאַרגליווערט שטייט ער,
רירט זיך ניט פון אָרט.

— אינגל, — רופט דאָס טייכל:
כ׳האָב קיין צייט ניט מער,
ווילסטו נאָך וואָס פרעגן,
פרעג-זשע און ניט קלער. —

אָך, וואָס איילסט זיך, טייכל!
קיינמאָל שטייסטו שטיל.
אָט דערצייל מיר טאַקע,
איז נאָך ווייט דיין ציל? —

רוישט דאָס טייכל האַסטיק:
— אַזוי פיל צו טאָן.
לאָזטו דורך אַ רעגע,
יאָגסטו זי ניט אָן.

אַזוי רייך דאָס לעבן,
אַזוי גרויס די וועלט
און אַלץ זען און וויסן
האָב איך זיך געשטעלט.

איז מיין שטרעבן אייביק,
האָט מיין ציל קיין עק . . .
זיי געזונט-זשע, אינגל,
ס׳רופט דער ווייטער וועג! —

פּאַליי-באַם

דער ברוינער בער

גייט דער בער אין אַ פוטער
און אין פוטערנע הויזן,
נאָר אין צעריסענע לאַפּטשעס
מיט די פינגער אין דרויסן.

וואָלט ער שניידן די נעגל,
וואָלט זיך גאָרניט געריסן,
נאָר ער האָט ניט געשניטן,
וועט ער ווייטער שוין וויסן.

שטעלט ער קרום זיינע לאַפּעס
אין די לאַפּטשעס מיט לעכער,
ווי אַ באָרוועסער, וועלכער
היט זיך אויס פון אַ שטעכער.

אַזוי ברוין, ווי דער אָסיען,
איינגעבויגן, ניט פריילאַך,
ער באַטראַכט זיך און שאָקלט
מיט׳ן קאָפּ אויף זיין היילאַך.

מיט די פינגער אין דרויסן,
ווען די פרעסט וועלן בייסן,
ווי אַזוי — טראַכט ער — וועט ער
אויף גאָט׳ס וועלט זיך באַווייזן?

ווען דער ווינטער וועט קומען —
ווייסט דער בער שוין זיין צאָרע —
וועט ער ליגן געפאַנגען,
ווי אין טפיסע, אין נאָרע.

וועט ער ליגן און זויגן
די געפרוירענע לאַפּע,
און ראַק כאַפּן אַ דרעמל,
און אַ דרעמל ראַק כאַפּן.

די גאַנדז

דעם שנאָבל אין אַ פֿליגל,
פֿאַראומערט און פֿאַרכושט
אין קאַלטן כמאַרנעם דרויסן
אַ גאַנדז שטייט אויף איין פֿוס.

פֿון טראָגן, לייגן אייער
אַ פֿאַלד היינגט אויף איר בויך.
זי בלאָזט זיך אויפ׳ן ווינטל,
וואָס וועקט זי מיט זיין הויך.

זי שליסט האַלב צו די אויגן
און טראַכט פֿון איר געזינד,
וואָס איז אין שטייג געזעסן.
די שטייג איז פּוסט אַצינד.

די קינדער אירע האָט מען
מיט שפּייז געשטאָפּט אין האַלדז
און אונטער זייערע פֿאַכוועס
באַטאָפּט די בייל פֿון שמאַלץ.

און אָט זיי פֿיס און פֿליגל
געבונדן האָט מען פֿעסט
און אָפּגעפֿירט צום שויכעט
צו צאָלן פֿאַר די קעסט.

און ס׳שטייט פֿאַרכושט די מוטער
אין פּוסטן כמאַרנעם הויף.
אַ שניי, ווי פּוך, נעמט פֿליען,
זי שווידערט פֿלוצלינג אויף.

איר דאַכט, ס׳איז שוין נאָך אַלעם,
איר דאַכט, דאָס פֿליקט מען זיי.
זי שפּרייט די פֿליגל האַסטיק
און פֿליט מיט אַ געשריי.

דער לאַם

קוטשעראַווער לאַם
זויגט דער מאַמעס ברוסט, —
מיט׳ן מויל האַם־האַם
זשעדנע און מיט לוסט.

מיט׳ן קאָפּ אַ שטויס,
מיט׳ן עק אַ דריי.
מאַמע־שעפּס לעקט אויס
ווייסע וואָל, ווי שניי.

זיס פון מילך דער טאַם,
ליב פון צונג דער לעק,
מעקעט זאַט דער לאַם :
מאַ—מע—לע !

דאָס העזל

לאַנגע אָנגעשפּיצטע
אויערן אויף דער וואַך.
העזל אומבאַשיצטער
צווישן פיינט אַ סאַך.

גרויסע אויגן שרייען
אָפענע אין גרויל
פאַר די ציין פון כייע
און פאַר יעגער'ס קויל.

פיס צום שפּרינגען פלינקע,
טראָגן זיי אַוועק
צאַרטן גוף און גרינגן
מיט'ן קוצן עק.

דער כאַזער

כרו—כרו—כרוק !
כאַזער, כאַזערוק.
ליגט ער אין דער בלאָטע
און האַנאָע האָט ער,
מאַכט ער מיט'ן שנוק :
כרו—כרו—כרוק !

דער בושעל

איבער מאַסן זשאַבע ראַסן
אַ מאַנאַרך אַ שטאָלצער,
שפּאַנט אויף זיינע פּיס דער בושעל,
ווי אויף הויכע שטאָלצן.

האַלט ער הויך דעם קאָפּ מיט גאַדלעס
אויף זיין האַלדז דעם שלאַנקן
און ער שאַלטעט מיט זיין שנאָבל
מיט דעם רויטן לאַנגן.

וואַרפט זיין מאַיעסטעט אַ פּאַכאַד,
שפּרינגען ראַש און ראַשער
פונ׳ם ברעג די אונטערטאַנען
מיט אַ פליוך אין וואַסער.

די קאַטשקע

קאַטשעט זיך די קאַטשקע פויל
און זי קוואַקעט מיט׳ן מויל:
„האַקל—באַקל—מיקל—קויל!”
אַלצדינג קאָן זי זעהר וואויל:
אויפ׳ן וואַסער גרינג, ווי אויל,
אונטער וואַסער אין פאַרהויל.
אין דער לופטן, ווי אַ קויל,
אויף דער ערד — בלויז מיט׳ן מויל.

פּאָבּלען

די ציכטיקע קאַץ

די קאַץ האָט זיך געוואַשן, ווי געוויינטלאַך,
געזוכט אין פעלכל מיט די ציינדלאַך,
באַלעקט זיך מיט'ן צינגל,·
ניט דורכגעלאָזט קיין שפּרינקל
אפילע אויפ'ן עקל.
געוואָרן פאַרטיק מיט'ן טואַלעט,
האָט מיט דער לאַפּקע איבער'ן בעקל
די קאַץ געגעבן זיך אַליין אַ גלעט
און אָנגעהויבן בורטשען, לויבן זיך אַליין:
— כ'בין ריין און ציכטיק — אַ מעכאַיע.
איך וואַש זיך מער פון יעדער אַנדער כאַיע.
כ'בין זעהר, זעהר ריין. —
נאָר פלוצלינג אויף איר בראָך
דאַרף גראָד אַרויס אַ מייזל פון אַ לאָך
און, אוי, אַ גרויל !
די קאַץ, וואָס האָט מיט ציכטיקייט באַרימט זיך,
האָט, כאַפּנדיק די מיעסקייט אין מויל,
אַפּילע ניט פאַרקרימט זיך.

די הון און דער הונט

דער הויף איז כאַדאָראָם געגאַנגען:
אַ הון האָט זיך געקליבן פליען. —
זי האָט געקוואָקעט און געשריען,
אַרומגעפּאַדיעט אויפ׳ן פלויט און אויף די שטאַנגן,
אויף וועלכע ס׳איז געשיר געהאַנגען,
אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ קראַך אַ קריגל,
דערשרעקנדיק אויף טויט די קאַץ, וואָס איז געשלאָפן,
אַרומגעפּאַדיעט און אַרומגעלאָפן
און ווילד געפּאַכעט מיט די פליגל,
אַז ס׳האָבן זיך געווירבלט שטויב און פעדערן,
און מיט אַ יעדערן,
וואָס זי האָט זיך באַגעגנט,
האָט זי זיך אָפּגעזעגנט.
— וואָס פאַר אַ „זיי געזונט״? —
האָט זי אַ פרעג געטאָן דער הונט.
— וואָס הייסט, דו ווייסט גאָרניט דערפון?
איך פלי ווייט, ווייט אַוועק. —
— דו שפּאַסט, מיין הון!
דער אָדלער שוויגט, ווען פליען לאָזט ער זיך אין וועג.
עס טומלען, גוואַלדעווען אַ סאַך
בלויז יענע, וועמעס פליגלען זיינען שוואַך,
זיי קלייבן זיך און קלייבן
און אויפ׳ן זעלבן אָרט פאַרבלייבן. —

דער כאַזער און די קאַץ

אַ כאַזער, וועמעס גרעסטער פאַרגעניגן
עס איז אין בלאָטע ליגן,
האָט אין אַן אָפּגעצאַמט געפערלאַך זומפּיק אָרט
געוואָלט זיך איינבּרעכן און באָדן דאָרט.
— גיב אַכטונג, כאַזערוק,
וואוהין דו שטעקסט דיין שנוק, —
האָט אים די קאַץ באַמערקט פון פלויט אַראָפּ:
די בלאָטע דאָ איז איבּער'ן קאָפּ. —
— פאַר בלאָטע שרעקט זיך ניט קיין כאַזער אָפּ, —
האָט מייסע גאַנצער מאַכער
געזאָגט דער דאָוואָראַכער
און אויף זיין בּראָך,
געפינענדיק אין פלויט אַ לאָך,
איז ער אַריין אין זומפּ און איינגעזונקען.
— אַ מיצווע, פיין! —
האָט, ריין זיך וואַשנדיק, די קאַץ געדרונגען:
ניט קריך אין בלאָטע, שוויין,
און זינק ניט איין! —

די שיפּענדיקע שלאַנג

די בייזע שיפּענדיקע שלאַנג
האָט צו אַ רויפע זיך געמאָלדן קראַנק:
— אַדויני דאָקטאָר, אונטערזוך מיין האַלדז.
כ'בין הייזעריק, איך שיפּע אַלץ. —
האָט נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט
דעם שיפּענדיקן כוילע,
דער רויפע שאַרף צו אים אַזוי געמאַכט:
— מיין שלאַנג! ס'איז גאָרניט מיט דיין „קוילע".
דאָס שיפּען איז נאַטירלאַך פאַר דיין מין.
וואָס ווילסטו מיט דיין גיפט און גאַל
צו זינגען, ווי אַ נאַכטיגאַל?
וואָס פאַר אַ האַרץ, אַזאַ מין שטים. —

די צוויי ציגן

אין טעג פון שנייען, פרעסט,
ווען שפייז פעלט אוים דער כאַיע,
האָט מיט אַ ציג, וואָס איז ביים מענטש אויף קעסט,
געטראָפן זיך אַ ווילדע ציג אַ פרייע.
— אוי, שוועסטער, ביזטו לייביק, קיין איין־האָרע! —
האָט ניט אָן קינע
באַמערקט די ציג די דינע,
וואָס לעבט שוין וואָכנלאַנג אויף קאָרע.
— מיין באַלעבאָסטע לאָזט מיך ניט פאַרוועלקן.
איך בין בא איר אַ גאַנצע שמעלקע, —
האָט זיך באַרימט די דיקע.
— פאַר וואָס? פאַר ווען? —
— איך בין אַ מעלקעדיקע. —
— אַזוי! און איך האָב ערשט מעקאַנע דיר געווען.
נאָר כ׳וועל שוין ליבערשט וועלקן,
אַבי זיין פריי און זיך ניט לאָזן מעלקן. —

די צוויי פערד

אַ לאַסט־פערד אַ פאַרשוויצטער און אַ גראָבער
האָט פאַר אַ רייט־פערדל אַ נעטן,
וואָס לויפט אויף פּריז־געוועטן,
געבראַכט צו פירן היי און האָבער.
בעשאַס דער פורמאַן האָט פון וואָגן
דעם פּראָוויאַנט אין שטאַל אַריינגעטראָגן,
האָט, הירזשענדיק מיט פרייד, דער האָרעפּאַשנער פערד
געלאָזט זיין ברודער גריסן.
נאָר יענער האָט מיט שטאָלץ פון אים זיך אָפּגעקערט,
געגעבן קלאָר צו וויסן:
— איך בין דיר ניט קיין פּאַניבראַט. —
— וואָס נעמסטו איבער זיך, אַריסטאָקראַט ? —
האָט אים באַמערקט דער לאַסט־פערד מיט פאַרדראָס:
באַטרייבט דיך ניט דער באַלעבאָס
מיט צוים, וואָס רייסט,
מיט בייטש, וואָס שמייסט,
אַזוי ווי אַלע פערד ?
דאָס פערדיש לעבן אויף דער ערד
איז אויך אַזוי שווער און ביטער
צוואָס נאָך צווישן פערד דער שפּליטער ? —

דער פוקס

דער גאַנעוו פאַלט אַריין
ווי קלוג ער זאָל ניט זיין.
מיין פאַבל וועט דערקלערן די מאָראַל. —

דער כיטרער פוקס, דער הינער-פרעסער,
האָט הינטער ריגלען, הינטער שלעסער
אַ וועג געפונען צו דער הינער־שטאַל
און פלעגט באַנאַכט קאַפּאָרעס שלאָגן.
און ס'זאָלן ניט אויף אים די פּוסטריט איידעס זאָגן,
פאַרקערן פלעגט ער זיי אין גאַנג,
ווי מיט אַ בעזים, מיט זיין ווידל, וואָס איז לאַנג,
און זיי אַ כאָכעם און דערקען
ווער איז צוגאַסט געווען.
אַריבער איז איין מאָרגן און אַ צווייטער
און אַ צעטומלטער און אַ צעדרייטער
האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ דער באַלעבאָס
און טראַכטן ניט געוואוסט פון וואָס.
נאָר אויפ'ן דריטן מאָרגן האָט ער זיך געכאַפּט :
— אוי, כיטרער גאַנעוו, איך האָב דיך דערטאַפּט.
דו האָסט פאַרקערט די פוסטריט מיט'ן עק,
נאָר פונ'ם עק אַליין האָסטו געלאָזט אַ שטעג. —
און מיט'ן סליאַד איז ער אַוועק
און האָט געפּאַקט דעם פוקס אין נאָרע
נאָך גריזשענדיק אַ ביין פון אַ קאַפּאָרע.

דער ווינט-מיל און דאָס מילכל

אַ מילכל,
אַ שפּילכל,
וואָס האָט געמאָלן אויפצופּלייסן,
נאָר שנעל, ווי ער וואָלט אויפטאָן מייסים,
האָט מיט'ן ווינטמיל זיך גערייצט:
— אויף דיר אַ קוק צו טאָן — אַ ריז, אַ גיבּער!
דאָך שלעפּסטו שווער די פליגלען, ווי אַ קרייץ,
און איך — אַ שנעקל — יאָג דיך איבּער. —
— איך מאָל אַזוי געשווינד,
ווי עס דערלויבּן נאָר דער מילשטיין און דער ווינט, —
האָט יענער אים קיין ענטפער ניט פאַרפעלט:
און, גאָט צו דאַנקען, מיין מלאָכע
איז ניט אָן מאַזל־בּראָכע.
נאָר דו, מיין גרויסער העלד,
וואָס קומט אַרויס, וואָס דו בּיזט שנעל,
אַז פון דיין מאָלן זעט מען ניט קיין מעל? —

די פלעדערמויז

אַמאָל איז צו דעם זאָאָלאָג
די פלעדערמויז געקומען מיט אַ קלאָג:
— אוי, הער געלערטער, ס'איז דאָך גוואַלד־געשריען!
כ'האָב פליגל און כ'קאָן פליען
און דו האָסט מיך, ווי טאַקע נאָר אויף שפּאַס,
אַריינגעשטעלט אין קלאַס
ניט פון די פייגל, וועדליק עס קומט אויס,
נאָר פון די שראַצים, ווי אַ פּראָסטע מויז. —
— מאַכסט, פלעדערמויז, אומזיסט אַ „וואַיצאַקו" —
האָט דער געלערטער איר דערקלערט דעם טערעץ:
ס'איז וואָר, אַז, ווי אַ פויגל, פליסטו טאַקע,
נאָר לעבן לעבסטו, ווי אַ שערעץ. —

אַזוי אויך, ווי אַ שערעץ, לעבט דער מענטש,
האָגאָם מיט פליגלען פון געדאַנק איז ער געבענטשט.

דער כּאַזער און די שוואַלבּ

אַ כּאַזער האָט געוואַלגערט זיך אין בּלאָטע,
געשמירט זיך מיט'ן קויט, ווי מיט אַ זאַלבּ,
און בּאַ דער זייט אַ פרילינג־שוואַלבּ
האָט מיט איר שנעבּעלע געקנאָטן,
געפורעמט נאַסע ציגל
צו מויערן אַ נעסט, אַ קינדער־וויגל.
רופט אָן זיך גראָבּ דער דאָוואָראַכער:
— העי, אַרכיטעקט און גרויסער מאַכער!
וואו איז דער זין, וואָס דיין טאַט גילט פאַר נאָבּל
און מיעס, עקלהאַפט איז וואָס איך טו,
אַז בּלאָטע גראָבּן מיר דאָך איך און דו,
איך מיט'ן שנוק, דו מיט'ן שנאָבּל? —
— ניין, גראָבּער נעפעש, ס'איז אַ נאַפקעמינע, —
האָט אים די שוואַלבּ געגעבּן צו פאַרשטיין:
פאַר דיר די בּלאָטע איז דיין לעבּנס־זינעז,
דאָס גרעסטע גליק, דער צוועק אַליין,
פאַר מיר איז זי ניט מערער, ווי די ליים צום קלעפּן,
אַ מיטל בּלויז, פאַר וועלכן ס'וועט דער צוועק פאַרגעבּן. —

דער ווינטער

איז מיט אַמאָל
אין גאַס אַ ווינטער אָנגעקומען
און ברומען
גענומען
הויך אויפ'ן קאָל:
— צו מיר! נאָך מיר!
איך בין אַ פירער און איך פיר. —
ווער ס'איז מאַסיוו און זיכער
איז ניט געקומען צו דעם ווינטער,
נאָר וואו אַ שטויבעלע, אַ פוך,
אַ פעדער,
אַ בלעטל פון אַ בוים, אַ בלעטל פון אַ בוך —
נו, מיט איין וואָרט — אַ יעדער,
וואָס האָט ניט קיין געוויכט און וואָג,
האָט אויפ'ן רוף געגעבן זיך אַ יאָג.
מען האָט געשאַלט,
געמאַכט אַ גוואַלד,
געטאַנצט אַ טאַנץ אַ ווילדן
און אויסגעמאַטערט פונ'ם אימפעט דעם אומזיסטן
איז מען צוריק צעפאַלן אויף די מיסטן.

די ציג און איר בעקל

זינט ציגן האָבן זיך געציגלט
האָט נאָך ביז איצטער קיינמאָל ניט אין לעבן
אַ מאַמע מיגל אויסגעציגלט
אַ בעקעלע אַזוינס, אַן איינגעגעבנס.
די מאַמע שפּיגלט זיך אין דעם, ווי אין אַ שפּיגל,
זי לעקט עס
און שמעקט עס
און ווערט צעשמאָלצן פאַר היספּיילעס.
אַ קלייניקייט — עס איז געבענטשט מיט אַלע מיילעס. —
עס וואַקסט אַ טענצער און אַ שפּרינגער,
עס האָט אַ שטימע פון אַ זינגער,
עס שטויסט און פּעכט זיך, ווי אַ העלד,
אַ טאַכשעט איינער אין דער וועלט.
באַשליסט די מאַמע : ניין און ניין,
אַזוינס טאָר ניט פאַרפאַלן גיין!
זי וועט אים ביז זיין פולן וואוקס
אַוועקשיקן זיך לערנען צו דעם פוקס
און ס׳וועט פון בעקל זיכער ווערן
אַ זשעני, אַ שטערן.

אַריבער איז די צייט פון לערע,
און אויפגעבלאָזן, שטאָלץ, מיט ערע
געקומען איז הער ציגנזאָן צוריק.
נאָר אַז אים האָט דערזען די אַלטע ציג,
איז זי געבליבן שטיין פאַרלאָרן
און אויסגעמעקעט : — ווײ, אַ קלאָג!
מיין בעקעלע, פון דיר איז בלויז געוואָרן
א ג ר ו י ס ע ר באָק!

די באַלעבאָסטע און די הינער

אַ יונגע הינדל האָט געלייגט דאָס ערשטע איי.
כאָטש ס'איז געווען אַ קליינס, ווי פון אַ טייבל,
אַ קויטיקס און מיט בלוט באַמאָלן
(עס איז דער הינדל אָנגעקומען מיט פיל וויי),
דאָך האָט פון דעם די באַלעבאָסטע אָנגעקוואָלן
און צו אַ צווייטער ווייבל
באַוויזן דאָס אַפילע,
פון פרייד פאַרגעסן,
אַז מ'קאָן נאָך געבן אַ בייז אויג, כאָלילע.
און, ווען זי האָט געגעבן עסן
די אויפּעס אַלעמען צוזאַמען,
האָט זי דער יונגער מאַמען
באַזונדער צוגעשאָטן נאָך אַביסל פּראָסע.
האָט דאָס אַן אַלטער הון פאַרדראָסן
און, קוקנדיק קאָסאָקע,
האָט זי צו אירע כאַווערטעס געקוואָקעט:
— אָט האָסטו
גערעכטיקייט פון אַ באַלעבאָסטע!
נו, ווען קומט מער דאַנק אַ שטייגער:
צי אונז, די אַלטע אייער-לייגער,
צי איר, וואָס האָט געלייגט דאָס איינציק ברעקל איי? —
האָט איר דערקלערט די פרוי: — פאַרשטיי,
אויב איר זייט לייגעדיק, זייט איר דאָך רייף דערפאַר,
זי אָבער איז נאָך יונג און ס'קומט איר אָן מיט צאַר,
דאַריבער איז ניט מער, ווי רעכט און גוט,
אַז מ'זאָל איר געבן מוט. —

אינהאַלט

רעגן

דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפ'ן בייכל — 4
דער רעגן — 5
אַ סרייפע — 6
אַ וואָלקן שמירט זיך אויס — 7
אַ ווערבע וויל זיך ניט צוואָגן — 8
רעגן־טראָפּנס — 9
אַ זומער־רעגן — 10
אַ רעגן־באָד — 11
אַ זון מיט אַ רעגן — 12

שניי און קעלט

אַ זאַווערוכע — 14
רויך און שניי — 15
מאַזל־בראָכע — 16
ווי אַ קעצל / טעדי־בערן — 17
די שטראָף — 18
דער מעפּונעק — 19
פּעטער־שנייער אין שטאָט — 20
דער פראָסט — 23

אויפ'ן הימל אַ יאַריד

ווי פון אַן איי — 26
דער נעם — 26
זומער — 28
שטערן און פייער־פליגן — 29
אויפן הימל אַ יאַריד — 30
די בערעזע — 31
אַ פוילער וואָלקן — 32
דער דיקער נעפּל — 33
דער ווינט — 34
ווינטער און זומער — 35
זייפנבלאָזן — 36

אין געוועט — 37
איציק און הריציק — 38
דאָס אינגל און דאָס טייכל — 39

באַליי־כאַים

דער ברוינער בער — 44
די גאַנדז — 45
דער לאָם — 46
דאָס העזל / דער כאַזער — 47
דער בושעל / די קאַטשקע — 48

פּ אַ ב ל ע ן

די ציכטיקע קאַץ — 50
די הון און דער הונט — 51
דער כאַזער און די קאַץ — 52
די שיפּענדיקע שלאַנג — 53
די צוויי ציגן — 54
די צוויי פערד — 55
דער פוקס — 56
דער ווינט־מיל און דאָס מילכל — 57
די פלעדערמויז — 58
דער כאַזער און די שוואַלב — 59
דער וויכער — 60
די ציג און איר בעקל — 61
די באַלעבאַסטע און די הינער — 62